# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת ויחי

## ליל שבת

### וואונטשן שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ

**ווען** מען גייט אין גאס אויף דעם וועג אהיים פון בֵּית הַמִּדְרָשׁ, און מען טרעפט א צווייטן איד, איידער מען וואונטש אִים גוט שַׁבָּת, זאל מען באטראכטן אויב דאס פלאץ איז ריין, דעמאלס מעג מען זאגן שַׁבָּת שָׁלוֹם. אויב דאס פלאץ איז נישט ריין, דעמאלס זאל מען נאר שאקלן מִיט די האנט, אדער מִיט די קאפ בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, ווי דער סֵדֶר איז ווען מען דארף באגריסן חָשׁוּב'ע מענטשן ווען מען מוז שווייגן. דאס זעלבע איז ווען יענער גריסט אִים אין גאס שַׁבָּת שָׁלוֹם, זאל מען אויך באטראכטן דאס פלאץ, און אויב עס איז נישט ריין זאל מען נישט ענטפערן שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ, נאר בלויז שאקלען מִיט די האנט בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד.

**נפש יתירה מערכת ש' אות קס"ז**

### שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ

**שטייט** פון אריה"ק, אז פרייטאג צו נאכטס ווען מען קומט אֲרַיין אין שְׁטוּב, זאל מען הויך באגריסן דעם שַׁבָּת און זאגן שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ, כְּדֵי מען זאל אויפנעמען די שַׁבָּת מַלְכְּתָא מִיט א העפליכטקייט און מִיט א גְרוֹיסֶע פרייליכקייט.

**פרע"ח הנהגת הסעודה פ"א, סידור יעב"ץ הנהגת ליל שבת אות ח'**

**שטייט** פון הָרַב הַקָּדוֹשׁ מהרי"א מקאמארנא זַצַ"ל אז מען זאל דריי מָאהל זאגן מִיט א פרייליכקייט שַׁבָּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ. **הקדמה לס' בן ביתי כלל כ"א**

### וואונטשן גוט שַׁבָּת

**פרייטאג** צו נאכטס נָאךְ קַבָּלַת שַׁבָּת, וואונטשט מען גוט שַׁבָּת, און נישט א גוטע נאכט ווי א גאנצע וואָך.

**דער** טַעַם דערפון איז, וויל דעם ערשטן פרייטאג פונעם וועלט-באשאף, ווען אָדָם הָרִאשׁוֹן איז באשאפן געווארן, האָט יענעם פרייטאג צו נאכטס געלויכטן ווי די ליכטיגקייט פון טאג, עס איז נישט געווען קיין טונקעלקייט פון נאכט. דערפאר גריסט מען גוט שַׁבָּת, און נישט א גוטע נאכט. **אוצר כל מנהגי ישורון**

**נָאךְ** א טַעַם, וויל פרייטאג צו נאכטס לייכט דער שֵׁם הוי', וואס איר ליכטיגקייט לייכט ווי דער טאג, איז דאך נישט שייך קיין נאכט, דעריבער גריסט מען נישט א גוטע נאכט.

**טעמי המנהגים בשם הרה"ק מוהרי"צ מראזדיל זי"ע**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט, וויל שַׁבָּת איז נישטא קֵיין נאכט, שַׁבָּת איז בלויז א ליכטיגקייט, דער פרייטאג צו נאכטס לייכט ווי דער ליכטיגקייט פון דעם טאג. דאס איז אויך דער טַעַם פארוואס עס שטייט נישט אין פָּסוּק וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר יוֹם הַשַּׁבָּת וויל שַׁבָּת איז נישט שייך קֵיין טונקלקייט פון נאכט.

**קרבן העני בשם האדמו"ר רבי יצחק מראזדאל זצ"ל**

**דאס** וואס מען וואונטשט זיך איינער דעם צווייטן גוט שַׁבָּת, מיינט מען נישט צו זאגן אז דער שַׁבָּת זאל זיין גוט, וויל דער שַׁבָּת איז אודאי גוט. נאר מען בענטשט איינער דעם צווייטן: דער שַׁבָּת זאל דִּיר מאַכן גוט, עס זאל אריינגיין אין אונז די קְדוּשָׁה פון שַׁבָּת. **הרה"ק רבי יחזקאל קוזמירער זי"ע**

**שטייט** אין פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר [פ' י"ט], אז עֶרֶב שַׁבָּת פארנאכט האָט מען ארויס געטריבן אָדָם הָרִאשׁוֹן פון גַּן עֵדֶן, וויל עֶר האָט געגעסן פון עֵץ הַדַּעַת. איז געקומען די מִצְוָה פון שַׁבָּת, און האָט פארטיידיגט גוטס אויף אִים, אין האָט געזאָגט צו הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אין אַלֶע זעקס טעג פון דער וואָך וואס דו האסט באשאפען די וועלט, איז נָאךְ קֵיין מענטש נישט געשטארבן. און אין מיר, אין דעם זיבעטן טאָג שַׁבָּת, ווילסטו דאס אנהייבן. צוּ איז דאס מֵיין הייליגקייט. צוּ איז דאס מֵיין בְּרָכָה וואס שטייט אין פָּסוּק [בראשית

ב׳ ג] וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ - הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג אין האָט אים געהייליגט. אין צוליב דעם זְכוּת איז אָדָם הָרִאשׁוֹן נִיצוֹל געווארן פון מִיתָה.

**די** מְלִיצָה יְשָׁרָה פון שַׁבָּת, האָט געראטעוועט אָדָם הָרִאשׁוֹן אויף טויזענט יאָר - וואס דאס איז אֵיין טאָג פון השי״ת [תהלים צ׳ ד׳]. דאס זעלבע טרעפן מִיר אין די הייליגע סְפָרִים, אז ווען אידן זענען ח״ו אין א צָרָה, קומט דער זְמַן מַמְלִיץ טוֹב זיין אויף די אידן, אין טַעֲנָה׳ט אז אֲפִילוּ די אידן זענען נישט ווערט אז זיי געהאלפן ווערן, פונדעסטוועגן, וואס בין איך שולדיג, אז אין מֵיין צייט זאל השי״ת שטראָפען די אידישע קינדער.

**דאס** קען זיין דאס עִנְיָן וואס מען וואונטשט זיך איינעם דעם אַנְדֶערְן גוט שַׁבָּת, אז דער טאָג פון שַׁבָּת זאל זאל זיין גוט, און אין דעם שַׁבָּת זאל נאר נִשְׁפַּע ווערן רַחֲמִים מִיט חֲסָדִים אויף אַלֶע אִידִישֶׁע קינדער, קיינער זאל נישט געשטראָפט ווערן אין דעם שַׁבָּת. **השבת נועם הנשמות**

**צוליב** דעם פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר [פ׳ י״ט], אז דער שַׁבָּת האט געראטעוועט אָדָם הָרִאשׁוֹן און וויבאלד מיר אלע זענען קינדער פון אָדָם הָרִאשׁוֹן קומט אויס אז דער שַׁבָּת האט דעמאלס אויך אונז אלע געראטעוועט, דערפאר האט די תּוֹרָה אונז באפוילן די מִצְוָה פון זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ מיר אלע זאלן געדענקן צו הייליגן דעם טאג שַׁבָּת, ווייל ווער עס האט אמאהל געהאט א נֵס מאכט יעדן יאר אין דעם טאג פאר מער אן געערטן טאג, ער מאכט א סְעוּדַת הוֹדָאָה, דעריבער מאכן מיר יעדן שַׁבָּת דריי סְעוּדוֹת אלץ א סְעוּדַת הוֹדָאָה, ווייל נישט נאר האבן מיר געהאט דעם נֵס אום שַׁבָּת, נאר דער שַׁבָּת אליינס האט אונז אלע געראטעוועט, קומט אויס אז יעדן שַׁבָּת דארפן מיר לויבן און דאנקן השי״ת אויף דעם נֵס אז מיר האבן איבערגעלעבט די וואך, יעדער אין שטוב איז בָּרוּךְ הַשֵּׁם געזונט, דער שַׁבָּת ראטעוועט אונז אלע. **זעה אור החיים הק׳ שמות כ׳ ח׳**

**הגה״ק** רבי מענדל מרימנוב זי״ע האָט געזאָגט אז דערפאר וואונטש מען גוּט שַׁבָּת ווייל דאס איז מְסוּגָּל מְבַטֵּל צוּ זיין די שלעכטע תַּעֲנוּגִים.

**דאס** איז אויך דער טַעַם פארוואס מען וואונטשט גוט שַׁבָּת בַּיי א חֲתוּנָּה בִּשְׁעַת די מִצְוָה טאנץ, וויבאלד די משפחה זיצט דעמאלס בְּתַעֲרוֹבוֹת דעריבער איז דער מִנְהָג אז מען שרייט גוט שַׁבָּת כְּדֵי צו דערמאנען אז די מִצְוָה פון תַּעֲנוּגֵי שַׁבָּת זענען מְסוּגָּל מְבַטֵּל זיין שלעכטע מַחֲשָׁבוֹת.

**נישט געבן די האנט ביים וואונטשן גוט שַׁבָּת**

**בַּיי** חֲסִידִים איז דער מִנְהַג אז מען גיט נישט די האנט בִּשְׁעַת מען וואונטשט גוט שַׁבָּת, נאר מען וואונטשט און מען שאקלט צו מיט׳ן קאפ.

**הרה״ק** מריזין זי״ע האט געזאגט: אז מען דארף נישט מיט דער האנט בענטשן אידן, דאס מויל איז הייליגער פון די הענט, א רמז טרעפן מיר אין פסוק [במדבר ו׳ כ״ג], כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, אזוי זאלן די כהנים בענטשן די אידן, ׳אָמוֹר לָהֶם׳ זאגט צו זיי מיט די מויל, און נישט בענטשן מיט די הענט.

**ישועות ישראל ח״א אות ח׳**

**הרה״ק** הַסַּבָּא קַדִּישָׁא מַהַרְשָׁ״א אֶלְפַּנְדְּרִי זי״ע, האָט זיך געפירט, נישט צו געבן די האנט ביים שָׁלוֹם געבן, אין עֶר פלעגט נאר ארויסזאגן מִיט זיין מויל שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. ער האָט געזאָגט, אז דאס געבן די הענט, איז א נייער מִנְהָג וואס מען האָט זיך אליינס איינגעפירט אין אייראפע, אבער ביי אונזערע עלטערן אין דער אלטער היים און די פריערדיגע יאָרן, האָט מען קיינמאל נישט געגעבן די הענט, נאר מען האָט געזאָגט שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אין יענער האָט נאר מיט׳ן מויל צוריק געענטפערט עֲלֵיכֶם שָׁלוֹם.

**דאס** זעלבע ברענגט הָרַב הַקָּדוֹשׁ ממונקאטש זַצַ״ל, אז זיין טאַטע בַּעַל הַדְרָכֵי תְּשׁוּבָה זי״ע, האָט געפרעגט הָרַב הַקָּדוֹשׁ משינאווא זי״ע וואו איז דער מְקוֹר צום עִנְיָן פון געבן די האנט בַּיי וואונטשן לְחַיִּים. האָט שינאווער רב געענטפערט, אז עֶר ווייסט נישט קיין מְקוֹר דערויף.

**האָט** שינאווער רָב צוגעלייגט בַּדֶּרֶךְ בְּדִיחוּתָא, אז אֶפְשָׁר קען זיין א מְקוֹר דער לָשׁוֹן פון די גְּמָרָא [ברכות ה:], יְהִיב לִי׳ יָדֵי׳ וְאוּקְמֵי׳ ווען אֵיין אָמוֹרָא איז געווען קראנק, האָט אִים די צווייטער אָמוֹרָא געגעבן די האנט אין עֶר איז אויסגעהיילט געווארן. ]וואס די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דערפון איז יל״י וואס איז דער שֵׁם וואס איז מְסוּגָּל אויף רְפוּאוֹת] האָט שינאווער רָב געזאגט, אז דאס איז נאר שייך ווען מען טרונקט גאר אסאך מַשְׁקֶה ביז מען ווערט אנגעטרונקען, דעמאלס זאל מען געבן די הענט וואס איז מְסוּגָּל לִרְפוּאָה, אבער ווען עס איז נישט לִרְפוּאָה, האָט נישט קֵיין שׁוּם מְקוֹר אז מען זאל געבן די הענט. פונדעסטוועגן האָט שינאווער רָב אויסגעפירט, אויב איינער שטרעקט מִיר אויס זיין האנט, פאסט זיך נישט אז מען זאל אִים נישט צוריק געבן די הענט, אלץ דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

**דברי תורה מהדורא ט׳ אות י״ד - ט״ו**